STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08831

SHMUEL HIRSHENBERG

Jozef Sandel

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יוסף סאַנדעל

שמואל הירשענבערג

פארלאג „יידיש בוך" ווארשע 1952

J. SANDEL

SZMUL HIRSZENBERG

Jego życie i twórczość

Redaktor B. Heller

Printed in Poland

Wydawnictwo „Idisz Buch" Warszawa 1952 r.

Nakład 5.500 egz. Ark. druk. 2, ark. wydawn. 1,
Papier satynowany kl. V, 61 × 86 cm, 80 g.
Druk ukończono w maju 1952 r. Nr zam. 243.

Drukarnia „Nowe Życie", W-wa, Tarczyńska 8. 3-B-50464.

שמואל הירשענבערג

געבוירן דעם 22־טן פֿעברואַר, 1866
געשטאָרבן דעם 15־טן סעפּטעמבער, 1908

שמואל הירשענבערג געהערט צו יענע קינסטלער פֿון סוף 19־טן און אָנהייב 20־טן יאָרהונדערט, וואָס זײַנען געווען צום שטאַרקסטן דורכגעדרונגען מיטן גייסט פֿון הומאַניזם. אין זײַנע עיקרדיקע אַרבעטן שפּיגלט זיך אָפּ דאָס גאַנצע בייז פֿון צאַרישן ווילקיר און צוזאַמען דערמיט — די אומענטשלעכע באַדינגונגען, וואָס ס'האָט מיט זיך געבראַכט דער אַנטשטייענדיקער קאַפּיטאַליזם. הירשענבערג גופֿא פֿילט אָפּ, פֿון זײַן פֿריסטער יוגנט אָן, די גאַנצע ברוטאַליטעט אין באַצוג צום אַרבעטס־מענטש, וואָס איז אַזוי אייגנטימלעך פֿאַר יענער צײַט.

הירשענבערג איז געבוירן געוואָרן אין דער פֿאַבריק־שטאָט לאָדזש, בײַ אַן אָרעמער וועבער־משפּחה. פֿון די ערשטע מאָמענטן פֿון זײַן לעבן טרעפֿט ער זיך פּנים אל פּנים מיט דער אומגעהייערער עקספּלואַטאַציע פֿון מענטש. זײַן דירעקטע סביבה האָט זיך נישט אויסגעצייכנט מיט קיין שום שיינס. פֿונדעסטוועגן אַנטוויקלט זיך בײַ דעם יונגן שמואלן אַן אויסערגעוויינטלעכער חוש פֿאַר שיינקייט און אַ ווילן דאָס איבערצוגעבן. ער אָבסערווירט די דערשיינונגען, וואָס ציִען־צו זײַן אויפֿמערקזאַמקייט און ער פֿאַרצייכנט זיי אין זײַן העפֿט. דאָס וואָס עס אינטערעסירט דעם ייִנגל מערער, מאָלט ער אָפּ מיט פֿאַרשידענערליי קאָלירטע קריידלעך.

זײַן שטאַרקע פֿאַראינטערעסירונג מיט מאָלן און צייכענען גייט יאָרן־לאַנג פֿאַרבײַ אומבאַמערקט פֿאַר זײַנע נאָענטסטע. אין דער אַטמאָספֿער פֿון שווערן האַרטנעקיקן קאַמף פֿאַר אַ שטיקל ברויט און פֿון די טאָג־טעגלעכע דאגות רופֿט אַרויס דעם ייִנגלס ליידנשאַפֿט צום מאָלן אַ קעגנערשאַפֿט מצד זײַנע עלטערן. די מוטער

פלעגט אָפט זיך ביזערן פאַר וואָס איר עלטסטער זון אָנשטאָט צו העלפן אין שטוב פאַרנעמט זיך גאָר מיט לייענען ביכער, אָדער ער באַמאָלט יעדעס שטיקל ריין פּאַפּיר און אַפילו די ווענט און טירן.

ווען שמואל ווערט אַלט 11 יאָר גיט אים דער פאָטער אַוועק אין אַ וועבער־שול. דאָס איז געווען אַ גרויסע אָנשטרענגונג מצד אַן אָרעמען יידישן אַרבעטער. דאָס לערנען וועבעריי באַפרידיקט אָבער נישט דעם יינגל און ער פאַרנעמט זיך ווייטער מיט צייכענען. די לערער אַנטציקן זיך מיט זיינע צייכענונגען, זיי רעגן אים אָבער נישט אָן צו שטודירן מאַלעריי.

אומגעריכט קומט די ענדערונג אין הירשענבערגס לעבן. די עלטערן האָבן אַרויסגערופן אַ דאָקטאָר צו אַ קראַנק קינד. ד״ר מיע־טשיסלאַוו קאָן האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט די מאַלערייען אויף די ווענט פון אָרעמען וועבער־שטיבל, און מיט זייער שעפער — דעם יונגן, קוים 15 יאָריקן שמואל. דער דאָקטאָר איז געווען דער־שטוינט פון דער רייפקייט און דרייסטקייט פון דער אויספירונג און אויך מיט דער פאַרשידנאַרטיקייט פון דער טעמאַטיק. ער האָט זיך באַמיט איבערצוצייגן די עלטערן, אַז זיי זאָלן לערנען זייער זון. דער אַלטער הירשענבערג האָט זיך גאַנץ קאַלט באַצויגן צום גאַנצן ענין. ער האָט געוואַרט, אַז שמואל זאָל אָנהייבן פאַרדינען און העלפן דער משפחה. דער דאָקטאָר איז אָבער נישט אָפּגע־שטאַנען און צונויפגעזאַמלט צווישן זיינע באַקאַנטע אַ סומע פון 25 רובל און געגעבן אַ מעגלעכקייט שמואלן אָנצוהייבן זיינע קינסט־לערישע שטודיעס.

מיט אַ רעקאָמענדאַציע־בריוו פונעם דאָקטאָר קומט הירשענ־בערג קיין וואַרשע. דאָ דערוואַרט אים אַ גרויסע אַנטוישונג. קיינער האָט זיך נישט פאַראינטערעסירט מיט דעם אומדרייסטן יינגל, וואָס רעדט שוואַך פויליש. זיינע אַרבעטן ווערן נישט ווי געהעריק באַטראַכט.קיינער וויזט אים נישט אַרויס קיין הילף. ער קומט צוריק קיין לאָדזש, אָבער ער פאַרלירט נישט דעם מוט. אינגיכן פאָרט ער ווידער אַרויס שטודירן, דאָסמאָל אין וויטן קראָקע.*)

אין דער אַלט־פוילישער שטאָט גייט הירשענבערג אַרום אַ פאַרבישופטער. די מאַריאַצקע קירך, די סוקעניצעס, דער וואַוועל,

*) קראָקע האָט זיך דעמאָלט געפונען אונטער דער עסטרייכישער אָקופּאַציע.

די אַלטע שול, די פּלאַנטן — דאָס אַלץ רופֿט בײַ אים אַרויס אַנטציקונג.

הירשענבערג גייט אַוועק מיט אַ טעקע צייכענונגען אין דער הויכשול פֿאַר שיינער קונסט. אַן אומדרייסטער, אַ שעמעוודיקער, אָרעם אָנגעטאָן, שטעלט ער זיך פֿאַר דער שול־דירעקציע און לייגט אַוועק זיינע אַרבעטן.

פֿאָרזיצער פֿון דער קוואַליפֿיקאַציע־קאָמיסיע איז געווען דער שול־דירעקטאָר, דער באַרימטער מייסטער יאַן מאַטעיקאָ. מיט נייגיר באַקוקט ער סיי די צייכענונגען, סיי דעם אויטאָר. שמואל איז געווען דער יינגסטער און אָרעמסטער צווישן אַלע ביזאַהעריקע קאַנדידאַטן, וואָס האָבן געוואָלט אָנקומען אין דער הויכשול. דאַסמאָל איז דער טרוים מקוים געוואָרן. הירשענבערג ווערט אָנגענומען אין דער מאָלער־שול. ער באַזוכט פֿלייסיק אַלע לעקציעס און נעמט אָנטייל אין די איבונגען. אין משך פֿון אַ קורצער צייט מאַכט ער גרויסע פֿאָרשריט.

אין דער פֿרייער צייט וואַנדערט ער איבער די גאַסן פֿון דער אַלטער קראָקע. עס ציט אים צום יידישן קוואַרטאַל. דאָ זעט ער די מוראדיקע קאָנטראַסטן אין לעבן. פֿון איין זייט אַ גוט געקלייטע און עלעגאַנט־אָנגעטאָנע געזעלשאַפֿט, שפּיגלדיקע שוי־פֿענצטער מיט טייערע מאַטעריאַלן, זעלטענע סחורות, און פֿון דער אַנדערער זייט — אַ מחנה מענטשן אָפּגעריסענע, פֿאַרפֿיניקטע, בעטלער און הענדלער. דער רייץ און כישוף פֿון די שיינע ווינקעלעך פֿון קראָקע ווערט פֿאַרשטעלט דורך דער החקות און מענטשלעכער נויט. די העמלטיקע א. ג. „ליבעראַלע” פֿאַרהעלטענישן אין גאַליציע אין די צייטן פֿון קייזער פֿראַנץ־יאָזעף האָבן זיך אַרויסגעוויזן נאָך ערגער ווי די, וועלכע ער האָט געקענט אין זיין היימשטאָט לאָדזש. קראָקע איז פֿול מיט אַרבעטלאָזע, און די אַרבעטנדיקע באַקומען נאָך קלענערע לוינען ווי אין לאָדזש.

אים אַליין איז אויך נישט בעסער געווען. זיינע לאָדזשער אַפּוטרופּסים האָבן פֿאַר אים באַשטימט חודשלעך 25 הובל. די סומע איז נישט גענוג געווען אַפֿילו אויף הערם באַשיידנסטן לעבן. דעריבער האָט הירשענבערג גאַנץ אַנדערש געלעבט ווי דער גרעסטער טייל פֿון זיינע קאָלעגן, וואָס האָבן געשטאַמט פֿון רייכן בירגערטום, פֿון פּריצישע פֿאַמיליעס, אָדער פֿון העכערע באַאַמטע. די קאָלעגן האָבן זיך צו הירשענבערגן באַצויגן זייער גוט. ער איז געווען אַ באַשיידענער, דינסט־גרייטער און גוט־ווונטשענדיקער

אוריאל אַקאָסטאַ מיט דעם קליינעם שפּינאָזאַ

מענטש. ער האט נישט פארמאגט די גאווה פון די בירגערלעכע קינסטלער.

וואס שייך די מאטיווו פון זיין שאפונג האט זייער פירנדיקע אידעע שוין געלעבט אין אים א סך פריער, איידער ער האט אנגעהויבן שטודירן. הירשענבערג, וואס האט זיין גאנץ לעבן פארבראכט צווישן דער יידישער אָרעמקייט, פילט איר מיט און יעדער פונק פון האפענונג אויף א ליכטיקן מארגן גיט אים גלויבן.

ווען הירשענבערג האט זיך איינמאל אומגעקערט פון די לעקציעס, האט ער געזען אויף די קראקעווער גאסן א מאסע יידישע פליטים. דאס זיינען געווען אנטלאפענע פון די שווארצמאהדיקע פאגראמען אין צארישן רוסלאנד. מיט צער האט זיך דער יונגער קינסטלער צוגעקוקט צו דער גלייכגילטיקייט מצד די רייכע יידן צום גורל פון די היימלאזע. דאס פעלן פון מיטגעפיל ביי די רייכע לגבי דעם גרויסן אומגליק האט טיף אויפגערודערט הירשענבערגס נשמה. ער האט די איבערלעבונגען שפעטער פאראייביקט אין זיין מאנומענטאלער ארבעט: „די פליטים”.

שנעל ווערט רייף דער טאלאנט פון יונגן קינסטלער. נאך צוויי יאר זיין אין קראקע פילט הירשענבערג, אז ער האט שוין אויסגעשעפט אלע מעגלעכקייטן פון שטודירן אויף דער הויכשול. ער געזעגנט זיך מיט די פריינדלעכע פראפעסארן און קאלעגן און טראגט זיך איבער קיין מינכען. די מינכענער אקאדעמיע, ווי מינכען בכלל, האט געשמט דעמלט אלס א לעבעדיקער קונסט-צענטער אין אייראפע. א סך פוילישע קינסטלער האבן זיך לענגער אדער קירצער געלערנט אין דער שטאט. אין דער צווייטער העלפט פון 19-טן י. ה. האבן דארט שטודירט יוליוש קאססאק, ארטור גראטגער, יאן מאטעיקא, יוזעף בראנד, יוזעף כעלמאנסקי, אלעקסאנדער גערימסקי, מאוריצי גאטליב א. אנד. הירשענבערג ווערט אנגענומען אין דער אקאדעמיע, ווו ער לערנט זיך ביים פראפעסאר אלעקסאנדער וואגנער. אין מינכען הייבט זיך אן דער שווערסטער אפשניט פון דעם קינסטלערס אזוי אויך שווערן וועג. די 25-רובלדיקע שטיצע פון די „איידעלע” לאדזשער מעצענאטן, (וואס איז אנגעקומען גאנץ אפט מיט א פארשפעטיקונג), האט אים פארמשפט אויף א הונגער-עקזיסטענץ. פון די פאר רובל האט ער געמוזט באצאלן שכר-לימוד, קויפן פארבן, פענדזלען, לייוונט — אזוי, אז אויף אויסהאלט איז אים געבליבן א פאר גראשן. אין דער צייט ווען זיינע קאלעגן האבן געאיילט אהיים אדער אין רעסטאראן אויף מיטאג,

איז ער געבליבן אין וואַרשטאַט און גענערט זיך מיט טרוקן ברויט, פּאַרטרונקען מיט וואַסער.

אין אַזעלכע באַדינגונגען האָט הירשענבערג געאַרבעט איבער זיינע ערשטע צוויי גרעסערע קאָמפּאָזיציעס. איינע פון זיי שטעלט פאָר דעם יידישן דענקער פון 17-טן י. ה. אוריאל אַקאָסטאַ צוזאַמען מיטן קליינעם שפּינאָזאַ (וואָס איז דעמלט אַלט געווען 10 יאָר). דער אינהאַלט פון בילד איז געבויט אויף דער קאַנווע פון קאַמף פאַר פאַרשריט אין אַמסטערדאַמער געטאָ. אוריאל אַקאָסטאַ איז איינער פון די ערשטע קעמפער פאַר אַ פרייען געדאַנק צווישן די יידן אין מערב.

צו יענער צייט האָט געלעבט און געשאַפן אין אַמסטערדאַמער געטאָ דער געניאַלער מאָלער — רעמבראַנדט. ער איז געשטאַנען אין אַ נאָענטן קאָנטאַקט מיט דער אינטעליגענץ-עליטע צווישן די האָלענדישע יידן. רעמבראַנדטס שאַפונג, וואָס האָט אַרומגענומען די ביבלישע טעמאַטיק איז געווען אַ גאַנץ הויכע. אַלס מאָדעלן פאַר זיינע בילדער נעמט ער די אָרטיקע יידן. חוץ דעם מאָלט ער אַ סך פּאָרטרעטן פון רבנים און שטייגער-בילדער פון יידישן לעבן אין אַמסטערדאַם. ער מאָלט אויך פּאָרטרעטן פון אַ גאַנצער ריי יידישע פּערזענלעכקייטן ווי שמואל מנשה בן ישראל, ד"ר אפרים באַנוס. לויט איניקע קוועלן, האָט ער אויך געמאָלט דאָס בילד פון שפּינאָזאַ.

די געשטאַלט פון אוריאל אַקאָסטאַ, זיין לעבן און טראַגעדיע, האָבן באַווירקט הירשענבערגן צו ערנסטע שטודיעס איבער דער צייט פון האָלענדישן פּראָגרעסיוון געזעלשאַפטלעכן לעבן און איר קונסט. אין דער ערשטער קאָמפּאָזיציע טאַקע זעען מיר טאַקע אַ שטאַרקן איינפלוס פון דער רעמבראַנדטישער מאָלעריי. אין זיין „אוריאל אַקאָסטאַ" שטעלט הירשענבערג פאָר דעם פריידענקער, צו וועמען עס טוליעט זיך דער קליינער שפּינאָזאַ. דאָס אידעלע געזיכט פון אַקאָסטאַ איז פאַרטיפט אין רעיונות; שפּינאָזאַ שפּאַרט אָן זיין גאָלדהאָריק קעפל אויפן אָרעם פון מייסטער, הערט זיך איין צו די נאָר וואָס אָפקלינגענדיקע ווערטער פונעם לערער. אויפן טיש, נעבן וועלכן אַקאָסטאַ רוט אָפּ אין פאָטעל, ליגט אַן אָפן ספר. דאָס יינגל האַלט אין איין האַנט בלומען און מיט דער רעכטער, אין וועלכער ער האַלט אויך אַ בינטל פעלד-בלומען, שפּאַרט ער זיך אָן אין די בלעטער פון ספר. דער לערער דערקלערט דעם שילער די סודות פון דער נאַטור.

אַ יאָר פאַר זיין טויט קערט הירשענבערג זיך אום צו דער זעלבער טעמע, שאַפנדיק די קאָמפּאָזיציע „שפּינאָזאַ", ווו ער שטעלט פאָר דעם גרויסן פילאָזאָף, ווי ער גייט לייענענדיק איבער דער גאַס, צווישן דעם פיינטלעכן צו אים, פאַנאַטישן, יידישן המון.

כמעט גלייכצייטיק מיט „אוריאל אַקאָסטאַ", באַאַרבעט הירשענבערג זיין באַרימט ווערק „ישיבה". דאָס בילד שטעלט פאָר אַ חושכדיקע, טונקעלע שטוב, אין וועלכער עס רייסן זיך קוים אַריין דורך די פאַרהאַנגענע פענצטער די ערשטע שטראַלן פון טאָג. ביים טיש, אויף וועלכן עס פלאַמט אַ צוגעקלעפּט ליכט, רוט אָפּ דער רבי מיט פיר תלמידים. אַ גאַנצע נאַכט האָבן זיי עוסק געווען אין דער תורה. איינער פון זיי האָט איינגעדרימלט, אָנלענענדיק דעם פאַרמאַטערטן קאָפּ אויף די הענט, וואָס שפּאַרן זיך אָן אין אָפענעם ספר. אין עק פון דעם טיש, אַזוי ווי אָפּגעזונדערט, זיצט פאַרטיפט אין רעיונות דער רבי. אויסגעמאַטערט, מיט אַ קריידבלאַס פנים, לענט ער אָן דעם מידן קאָפּ אויף דער האַנט, אָנגעשפּאַרט אויפן ספר. אויפן אַנטקעגנאיבערדיקן עק טיש זיצן, אויך איבער ספרים, דריי בחורים. איינער פון זיי שטייט נעבן דער וואַנט, אין זיין נזיריש, פאַרביסן פנים זעט מען אַ מוראדיקן פאַנאַטיזם, אין דער געשטאַלט פון אָט דעם בחור האָט דער קינסטלער אויסגעפורעמט די גאַנצע איינזייטיקייט פון דער דעמלטיקער דערציונג פון דער יידישער יוגנט.

ביידע ערשטע אַרבעטן פון הירשענבערגן זאָגן עדות וועגן דעם, ווי טיף דער קינסטלער איז געווען פאַרוואָרצלט אין דער קולטור פון יידישן פאָלק. ביידע ווערק האָבן דעם זעלבן פּאָן, כאָטש דער צייטאָפּשניט טיילט זיי אויף עטלעכע הונדערט יאָר. דער אַמסטערדאַמער געטאָ, אין וועלכן עס האָט געלעבט אַקאָסטאַ און שפּינאָזאַ וואָס האָט זיך געפונען אין האָלאַנד, אין אַ לאַנד פון דעמלטדיקן פאָרגעשריטענעם בירגערטום — האָט זיך אויסגעטיילט פון דעם אַרום מיט איר אָפּגעשטאַנענקייט. אוריאל אַקאָסטאַ איז געווען דער פאָרשטייער פון פּראָגרעסיוון שטראָם פון זיין צייט. אין „ישיבה" ווידער גיט דער קינסטלער אַ בילד פון די ספּעציפישע לעבנס־באַדינגונגען פון דער יידישער אָרעמקייט אין פּוילן פון 19־טן י. ה., ווו די יידישע יוגנט איז געצוואונגען צו שטיקן זיך אין די אַממערסטן אָפּגעשטאַנענע לערן־אַנשטאַלטן.

שוין אין די ערשטע ווערק צייכנט זיך אָן ביים צוואַנציקיאָריקן הירשענבערג די עיקרדיקע ריכטונג פון זיין שאַפונג. די קונסט

— לויט אים — דינט נישט אויסשליסלעך כדי פֿאַרצושטעלן די שיינקייט און פֿרייד, נאָר זי דאַרף זיין אַ פֿאַקטאָר אין קאַמף פֿאַר פּראָגרעס און פֿאַר די דערהויבענע אידעאַלן פֿון הומאַניזם. אין „ישיבה" פֿאַרטיפֿט זיך הירשענבערג אין דער פּסיכיק פֿון אָפּגעשטאַנענעם, נאָך טיף טראַדיציאָנעלן ייִדנטום, אַזוי ווי דער גרויסער שרייבער י. ל. פּרץ האָט עס געטאָן אין דער ליטעראַטור.

אַזוי ווי פּרץ באַשרייבט אין „מקובלים", אַזוי מאָלט הירשענבערג אין „ישיבה" דעם זעלבן גורל פֿון די מענטשן, פֿאַרטריבענע אין טעמפּן ווינקל פֿון אומנייטיקן פּלפּול און מוח־גימנאַסטיק, און דעם טראַגישן גורל פֿון דער יוגנט, וואָס וועלקט איבער די פֿאַרשטויבטע ספֿרים, פֿאַרלירנדיק די טייערסטע פֿריידיקסטע צייט, ווען אַ מענטש שאַפֿט, קעמפֿט און דערהאָבערט דאָס לעבן.

* * *

אין יאָר 1887 באַווייזן זיך ביידע בילדער הירשענבערגס אויף דער אויסשטעלונג אין מינכען און רופֿן אַרויס אַ גרויסע פֿאַראינטערעסירונג און פֿיל קאָמענטאַרן. „ישיבה" ווערט אין זעלבן יאָר אויסגעשטעלט אויף דער ערשטער אַלגעמיין־פּוילישער אויסשטעלונג אין קראָקע, אין יאָר 1889, אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער פּאַריזער אויסשטעלונג, און אין יאָר 1891, אויף דער גרויסער בערלינער קונסט־אויסשטעלונג. דאָס באַווייזן זיך פֿון אַ ווערק פֿון אַ 21־יאָריקן קינסטלער אויף דער קראָקעווער אויסשטעלונג באַווייזט, אַז מ'האָט הירשענבערגן געשאַצט אַלס אַ ווערטפֿולן מאָלער. אויף דער דאָזיקער ערשטער אַלגעמיין־פּוילישער אויסשטעלונג זיינען געווען רעפּרעזענטירט די ווערק פֿון אַזעלכע קינסטלער ווי: יאַן מאַטעיקאָ, יוליוש קאָססאַק, יוזעף כעלמאָנסקי, ווילהעלם לעאָפּאָלסקי, יוזעף בראַנדט און יאַציעק מאַלטשעווסקי.

ס'איז כדאַי צו באַמערקן אייניקע אַרויסזאָגונגען אין דער פּוילישער פּרעסע אין צוזאַמענהאַנג מיטן אויסשטעלן הירשענבערגס אַרבעטן.

אין אַ בראָשור, צו וועלכער עס האָט געשריבן אַ פֿאָררעדע ווויטשעך געַרסאָן, לייענען מיר וועגן הירשענבערגס אַרבעטן:

„דאָס בילד וואָלט אַרויסגערופֿן אַן אויסגעצייכנטן איינדרוק, ווען נישט דער אומגליקלעכער קאָלאָריט אין אַ סך ערטער, וואָס פֿאַלט אַריין מערסטנטייל אין אַזאַ טינט־טאָן. דער פּאַן פֿון בילד



די ישיבה

איז נישט קיין גוטער און ס'איז אַ גרויסער שאָד, ווייל די קאָמפּאָזיציע גופא, די גרופּירונג און די פּנימער־אויסדרוקן פון די האָוונער (לערנער — י. ס.) גיבן אַ באַווייז וועגן דער אינטעליגענץ פונעם קינסטלער, וואָס מאָלט, וויזט אויס, זיינע מיטברידער אויפריכטיק האַרציק. נישט געקוקט הערויף, וואָס מיר האָבן געזאָגט אין אָנהייב, טיילט זיך אומבאַדינגט דאָס בילד אויס צום גוטסטן".

אויך אין דער בראָשור אָנגעשריבן דורך וולאַדיסלאַוו לושטשקעוויטש*) ווערט פּאָזיטיוו דערמאָנט הירשענבערגס אַרבעט. אין וואַרשעווער „טיגאָדניק אילוסטראָוואַני" פון יאָרגאַנג 1890 שרייבט י. קאַלענבאַך וועגן דעם זעלבן בילד פאָלגנדיקע ווערטער: „אויף וויפל העכער מיט זיין גייסטיקער שטימונג הייבט זיך אויף דאָס בילד פון יונגן מאָלער הירשענבערג א. נ. „ישיבה", וואָס שטעלט פאָר ווי יידן זיצן איבערן תלמוד. דאָ זיינען פאַראַן צוויי טיפּן פון רעליגיעזן עקסטאַז, איבערגעגעבן מיט אַן אומפאַרגלייכלעכער וואַרהאַפטיקייט. נאָר די באַלייכטונג, וואָס איז צו שמוציק און פאַנטאַסטיש גיט אויס, אַז עס איז נאָך אַ יונגער, נישט אויסגעאַרבעטער טאַלאַנט, ווען מען קאָן אָבער פאָרויסזאָגן אַ שיינע צוקונפט".

דאָס בילד „ישיבה", וואָס איז געוואָרן אַזוי באַרימט, האָט הירשענבערג אָנגעהויבן מאָלן, ווי ס'איז שוין דערמאָנט, נאָך אין זיינע שטודיר־צייטן אויף דער מינכענער אַקאַדעמיע. נאָר צוליבן כסדרדיקן הונגערן ווערט דער קינסטלער שווער קראַנק אויפן מאָגן און איז געצוווּנגען צו גיין אין שפּיטאָל אַריין. צום שלימזל הערן אויף, אין דער זעלבער צייט, די לאָדזשער אַפּוטרופּסים צושיקן די נישט באַדייטנדיקע אונטערשטיצונג פון 25 רובל חודשלעך. הירשענבערג איז דעריבער געצוווּנגען צו רעזיגנירן פון זיין ווייטערדיקן לערנען אויף דער אַקאַדעמיע און ער פאַרענדיקט זיינע צוויי ערשטע קאָמפּאָזיציעס אין אַן ענגן, פינצטערן צימער, וואָס איז געווען אַזוי קליין, אַז בעתן מאָלן, האָט ער געמוזט עפענען די טיר צום קאָרידאָר און שטיין אויפן שוועל.

פון די אויבנדערמאָנטע רעצענזיעס, ווי אויך פון די אַרויסזאָגונגען פון אַזעלכע באַדייטנדיקע פּראָגרעסיווע קינסטלער ווי וויטשעך גערסאָן און ביעשטשאַד, דרינגט אַרויס ווי ווייניק די דעמל-

---

*) ערשטער דירעקטאָר פון דער נאַציאָנאַלער קונסט־גאַלעריע אין קראָקע און פאָרזיצער פון דער קאָמיסיע פאַר קונסט־פאָרשונג.

טיקע ייִדישע קולטור איז געווען באַקאַנט די פֿאַרגעשריטענע פֿאַליאַקן. ביעשטשאַד, למשל, שרייבט וועגן די יונגע ייִדן אין הירשענבערגס „ישיבה“, אַז זיי דאַווענען, בעת אין דער אמתן לערנען זיי. די פּוילישע געזעלשאַפֿט האָט נישט געקענט אַפֿילו דאָס ייִדישע טעאַטער. מיט עטלעכע צענדליק יאָר שפּעטער האָט דער באַרימטער פּוילישער קריטיקער און שרייבער באָי־זשעלענסקי געשריבן וועגן פּרצעס „ביינאַכט אויפֿן אַלטן מאַרק“, געשטעלט דורך דער ווילנער טרופּע: „כ׳האָב פֿאַרשטאַנען אַפּגעריסענע אויסדרוקן, וואָס האָבן אַ דייטשישן שורש, אָבער די אַקציע איז געווען אַזוי בולט, די אַקטיאָרן האָבן געשפּילט מיט אַזאַ עקספּרעסיע, אַז איך האָב כמעט נישט באַדאַרפֿט קיין איבערזעצער. און איין פֿראַגע האָט מיך געעגבערט, צי האָט אַזעלכן נישט איז זין, אַז לעבנדיק איינער נעבן אַנדערן, זאָלן מיר אַזוי ווייניק וויסן וועגן זיך, זאָלן מיר אַבסאָלוט זיך נישט קענען“.

דאָס זעלבע קאָן מען זאָגן וועגן הירשענבערגס ווערק „ישיבה“. דאָס בילד האָט בולט איבערגעגעבן דעם געדאַנק פֿון קינסטלער, און נישט געקוקט דערויף, האָט אַ טייל פּוילישע אינטעליגענץ דאָס נישט פֿאַרשטאַנען. אומאָפּהענגיק פֿון די באַמערקונגען, איז פֿאָרט דאָס בילד איינע פֿון די שטאַרקסטע פּאָזיציעס פֿון הירשענבערגן און עס באַקומט נישט בלויז דעם זילבערנעם מעדאַל אין פּאַריז, נאָר אויך אויסצייכענונגען אין קראָקע און אין בערלין.

הירשענבערג קומט קיין פּאַריז און טרעט אַריין אין דער דאָרטיקער אַקאַדעמיע שטודירן, ביידע ערשטע ווערק האָט הירשענבערג געמוזט אַוועקגעבן פֿאַר גראָשנס זיינע געוועזענע לאָדזשער אַפּוטרופּסים, כּדי צו קאָנען זיין כאָטש איין יאָר אין פּאַריז. דאָ שאַפֿט ער זיין שטיגער־בילד „המן און אסתר“.

שפּעטער קערט ער זיך אום קיין מינכען, ווו ער הייבט אָן אַרבעטן איבער אַ טעמע, וואָס איז געווען אַ רעמיניסצענץ פֿון זיינע איבערלעבונגען אויפֿן אַלטן ייִדישן בית־עולם אין קראָקע. ער מאָלט דאָס בית־עולם, פֿאַרשטעלנדיק איינס פֿון די פֿאַרוואָרפֿנסטע און טרויעריקסטע ווינקעלעך איבער וועלכן עס שפּרייט זיך אַ גרוי־בלייערנער הימל. דער קינסטלער שטעלט דאָ פֿאַר אַ קלעפּיק פֿעלד, לייכט באַשאָטן מיט שניי און צווישן די קרומע, איינגעפֿאַלענע גרויע מצבֿות שטייען דריי פֿרויען. פֿון דער קאָמפּאָזיציע ווייעט מיט אַ טראַגיזם, מיט אַ שטומען צער. די געשטאַלטן פֿון די פֿרויען אויפֿן בית־עולם זיינען ווי שאָטנס פֿון אַ פֿאַרגאַנגען לעבן, מען

שפירט ווי זיי קורטשען זיך פון אינעווייניקסטן ווייטיק. דער פאר־צווייפלונג־אויסברוך פון די איינזאמע געשטאלטן אויף די קברים פון זייערע נאענטע איז ווי א שרעקלעכע קללה פאר זייער פארלוירן לעבן. דאס בילד איז געווען דאס ערשטע פון א ציקל סאציאל־שטיי־

א טאטע מיט א קינד

גערישע ארבעטן, פאר וועלכע הירשענבערג האט די טעמע גע־שעפט פון דעמלטיקן לעבן. ער ווייזט אין בילד די קלאסן־אונטער־שידן אין דער בורזשואזער געזעלשאפט, וואס קומט אפילו צום אויסדרוק אויפן ארט פון איביקן רו. ער ווייזט א שטיק בית־עולם

בײַם פֿאַרקאַן, אַן עלנטס און נאַקעטס, צווישן װעלכע עס סטאַר־טשען אַרױס קלײנע אָרעמע און פֿאַרװאָרלאָזטע מצבֿות, און פֿון דער צװײטער זײַט — די אָפּגעהיטענע הױפּט־אַלײע מיט אירע פּראַכטפֿולע מאַרמאָרנע דענקמעלער.

מיט דעם האָזיקן װערק פֿאַרענדיקט הירשענבערג זײַן ערשטן מינכענער פּעריאָד. די קאַטאַסטראָפֿאַלע מאַטעריעלע לאַגע אין דער הײם צװינגט אים תּיכּף זיך אומצוקערן קײן לאָדזש. הירשענ־בערגס פֿאָטער, װאָס האָט אַ געװיסע צײַט געפֿירט בשותּפֿות מיט נאָך אַ װעבער אַ קלײנעם זעלבשטענדיקן װאַרשטאַט איז געװאָרן רואינירט דורך דעם קריזיס. דאָס איז געװען אַ צײַט װען די לאָ־דזשער גרױס־אינדוסטריעלער האָבן דערפֿירט צום פֿולשטענדיקן חורבן די האַנטװעבער און קלײנע אונטערנעמער. שמואל הירשענ־בערג איז געװען געצװוּנגען צו פֿאַרקױפֿן זײַנע אַלע בילדער און אַפֿילו סקיצן און װאָס שנעלער קומען אין זײַן הײמשטאָט. געקומען קײן לאָדזש דערװעט קודם־כּל דער קינסטלער, אַז אױף זײַנע פּלײ־צעס ליגט די אױסהאַלטונג פֿון אַ שטוב מיט 10 קינדערלעך. דער 24־יאָריקער פֿאַרדינער מוז זאָרגן נישט בלױז פֿאַר פּרנסה, נאָר אױך װעגן זײַער דערציִונג. ער מוז זיך דעריבער אײַנשפּאַנען אין עול פֿון פּרנסה.

דורך דער צײַט פֿון דער אָפּװעזנהײט פֿון שמואלן זײַנען אין לאָדזש אױסגעװאַקסן אַ סך נײַע גרױסע װעבער־פֿאַבריקן. ס׳איז אָבער אױך געװאַקסן פּילפּאַכיק די נױט פֿון פּראָלעטאַריאַט, װאָס װערט עקספּלאָאַטירט דורך די שפּעקולאַנטן און פֿאַבריקאַנטן. הירשענבערג האָט נישט קײן אַנדערע ברירה װי פֿאַרדינען דורך מאָלן די פּאָרטרעטן פֿון די נײַצײַטיקע פּירשטן — די גאָלד־באַזי־צער. ער שעלט, אָבער ער מוז זיך אונטערגעבן. נישט געקוקט אױף אַט די באַשטעלונגען הערט הירשענבערג נישט אױף צו אַרבעטן שעפֿעריש.

צען יאָר פֿאַרבלײַבט הירשענבערג אין לאָדזש, װעלכע װערט בסדר אױפֿגעטרײסלט פֿון די האַסעס און בעסעס, װאָס שלאָגן זיך טרױעריק אָפּ אױפֿן גורל פֿון צענדליקער טױזנטער אַרבעטער. די טעמאַטיק פֿון זײַן שאַפֿן נעמט הירשענבערג דירעקט פֿון זײַן סבֿיבֿה. ער מאָלט אַן אָפּרו. עס אַנטשטײען אַ גאַנצע רײ בילדער מיט סאָ־ציאַלע מאָטיװן. אײנע פֿון די לאָדזשער טעמעס רופֿט ער אַן „זאָל ער װאַרטן”. דאָס בילד שטעלט פֿאָר אַן אָפּגעריסענעם זקן אָן אַ היטל און אָן אַ פּאַלטן, װאָס זיצט דערשלאָגן און אײַנגעהױקערט

אין אַ קאָרידאָר פֿון אַ גביר. די גאַנצע פֿיגור אָטעמט מיט צערפֿולער רעזיגנאַציע, פֿאַרביטערונג און גרענעצלאָזער אַפּאַטיע. ער ווייסט, וואָס עס דערוואַרט אים, ווען מ׳וועט אים ענדלעך אויפֿנעמען. מיט דעם האָזיקן בילד גייט הירשענבערג אַרויף אויפֿן וועג פֿון געזעל־שאַפֿטלעכן רעאַליזם, להיפֿוך צו דער אימפּרעסיאָניסטישער ריכ־טונג און אַנדערע מאָדערניסטישע שטרעמונגען, וואָס האָבן בשעתו געהערשט אין דער פּלאַסטישער קונסט.

געווען איז דאָס אַ פּעריאָד, אין וועלכן דער קאַפּיטאַליזם האָט געשאַפֿן פֿאַרשיידנאַרטיקע מאָלערישע ריכטונגען און סיסטעמען, וועלכע האָבן כסדר זיך געענדערט און קעגנזייטיק זיך באַקעמפֿט. מען אַרגומענטירט לעבהאַפֿט און מען טעאָרעטיזירט וועגן די פּרינ־ציפּן פֿון דער א. ג. „ריינער" קונסט. אין דעם אַלעם אָבער פֿאַרלירט זיך דאָס וויכטיקסטע פֿון דער קונסט — דער מענטש. כאַראַקטע־ריסטיש פֿאַר יענעם פּעריאָד איז אויך דאָס, וואָס די פּלאַסטיקער, וועלכע האָבן געקאָנט אַנטדעקן אין דער טויטער נאַטור, אָדער אין אַן אַקט, אַלץ נייע קאָלאָריסטישע וואַלאָרן — זיינען אָבער נישט געווען בכוח צו דערזען די מיליאָניקע אַרבעטער־מאַסן, נישט די שרעקלעכע באַדינגונגען פֿון זייער עקזיסטענץ און נישט זייער אָנגעשטרענגטן קאַמף קעגן די עקספּלאָאַטאָרן.

אין די גרויסע פּראָלעטאַרישע צענטערס באַווייזן זיך דאָך פּראָגרעסיווע מאָלערס, פֿאַרבונדענע מיטן פֿאָלק, וואָס נעמען אַלס טעמע: דער אַרבעטס־מענטש אין יאָך פֿון קאַפּיטאַליזם. אַזוי אַנט־שטייט אין צאַרישן רוסלאַנד די גרופּע פּלאַסטיקער אונטערן נאָמען „פּערעדוויזשניקעס". זייער קונסט האָט געהאַט פּראָגרעסיוו־געזעל־שאַפֿטלעכע טענדענצן. דער אידעאָלאָג פֿון דער האָזיקער קינסטלער־גרופּע איז געווען איוואַן ניקאָלאַיעוויטש קראַמסקאָי (1837—1887). צו דער גרופּע האָט געהערט וואַסיל וואַסיליעוויטש ווערעשטשאַגין (1842—1904), וועלכער האָט געמאָלן כמעט אויסשליסלעך באַטאַ־ליסטישע בילדער, פֿאַרשטעלענדיק אין זיי דעם גרויל פֿון דער מלחמה. אין אַ סך בילדער האָט ער געוויזן די ענגלענדער, וועל־כע מאָרדן מאַסנווייז די אינדישע פּאַטריאָטן. אַן אָנטיילנע־מער פֿון דער גרופּע איז אויך געווען דער באַדייטנדיקער יידיש־רוסישער סקולפּטאָר אַנטאָקאָלסקי, וועלכער האָט צווישן אַנ־דערע געשאַפֿן אַ סך סקולפּטורן אויף יידישע מאָטיוון (חוץ זיינע באַרימטע סקולפּטורן וועגן דער אינקוויזיציע און „שפּינאָזאַ" האָט

קלויז־פּאָליטיק

ער אויך געקלעפט אויף מאָטיוון פון אַרומיקן לעבן ווי למשל „דער שניידער“, „דער קמצן“ און אַנד.). אַ וויכטיקער פאָרשטייער פון דער האָזיקער גרופּע איז דער באַרימטער ריעפין.

אין מערב, ווי למשל, אין דער שטאַרק אינדוסטריאַליזירטער בעלגיע, אַנטשטייען אויך ווערק, וואָס שפיגלען אָפּ די לאַגע פון די אַרבעטער, וועלכע ווערן עקספּלאָאַטירט דורך די קאַפּיטאַליסטן. דער גרויסער סקולפּטאָר קאָנסטאַנטין מעניע (1871—1915) שטעלט פאָר אין זיינע אַרבעטן די קוילנגרעבער און די קאַטאַסטראָפעס אין די קוילן־גרובנס, וועלכע אַנטשטייען צוליב דער פאַרברעכערישער קמצנות און דער אָפּשפּאָרונג אויפן חשבון פון דער זיכערקייט פון די קוילנגרעבער. עייגען לערמאַנס ווידער, אויך אַ בעלגיער, ווייזט אונדז אין זיינע בילדער שווינדזיכטיקע און שיכורים, וועלכע ווערן אַ לאַסט פאַר די אָרעמע אַרבעטער־משפחות. די פראַנצויזישע פּראָגרעסיווע קינסטלער, וואָס האָבן שוין געהאַט די טראַדיציע פון קורבע, דאָמיע, מילע — קינסטלער מיט אַן אויסגעשפּראָכענעם סאָציאַלן טאָן — זיינען געגאַנגען ווייטער, פאָרשטעלנדיק אין זייערע בילדער האָקומענטן פון קאַמף פון פּראָלעטאַריאַט. אַזוי האָט זשיל אַדלער — דער ערשטער אין פראַנקרייך — געשאַפן אַ גרויסע קאָמפּאָזיציע וועגן שטרייק אין קרעזאָ. חוץ דעם האָט ער געמאָלט האָס לעבן פון די פּאַריזער אַרבעטער און פאָרגעשטעלט ווי זיי גייען פאַרטאָג צו דער אַרבעט אין די גרויסע פאַבריקן און אין אָוונט ווי זיי קערן זיך אום אַהיים, מידע. ער האָט געצייכנט אַרבעטלאָזע, וועלכע שטייען פאַר די ביליקע גאָרקיכן א. א. וו. דער קינסטלער יאָנאַס מאָלט אין יאָר 1907 אַ גרעסערע קאָמפּאָזיציע, וואָס שטעלט פאָר אַ קאַמף פון שטרייקנדיקע אַרבעטער קעגן די שטרייקברעכער. אין דייטשלאַנד שאַפט דעמלט די באַקאַנטע פּראָלעטאַרישע גראַפיקערין און צייכנערין קעטע קאָלוויטץ, וועלכע שפּיגלט אָפּ אין אירע ערשטע אַרבעטן דעם הונגער און די נויט צווישן די דייטשישע וועבער און זייער בונט קעגן די פאַבריקאַנטן. דאָס זיינען געווען אירע אילוסטראַציעס צו גערהאַרדט הויפטמאַנס „וועבער“.

איינער פון די געציילטע קינסטלער אין פּוילן, וועלכע האָבן געוויזן אין זייער שאַפונג סאָציאַלע מאָטיוון איז געווען שמואל הירשענבערג. די טעמאַטיק, וועלכע ער האָט אויסגעקליבן, איז געווען אַ ספּעציפישע. ער שטעלט פאָר לרוב די פאַרפייניקטע יידישע אָרעמקייט. הירשענבערג איז געווען געבונדן מיטן שטאָטישן פּראָלעטאַריאַט, מיט דער ענגשאַפט פון די פינצטערע פאָרשטעט, דער־

פאַר זיינען זיינע ווערק געהאַלטן אין גרויע טענער, זייער נאָענט דער שטימונג פון יוזעף כעלמאָנסקיס פּייזאַזשן. הירשענבערג האָט געמאָלן לרוב גרויע מענטשן, אַרבעטער און אָרעמע, עקספּלאָאַטירטע, איינגעשפּאַנטע אין יאָך פון קאַפּיטאַליזם. איינע פון זיינע אינטערעסאַנטסטע לאָדזשער שטייגער־בילדער האָט ער טיטולירט: „אַביסל פּאָליטיק". דער קינסטלער שטעלט דאָ פאָר יידישע באַלמעלאָכעס, שוסטערס, שניידערס, בלעכערס — מענטשן פאָליטיש נישט באַוווסטזיניקע, וואָס אין בין־השמשות, צווישן מנחה און מעריב, פאַרנעמען זיי זיך מיט פּאָליטיק. געווען זיינען דאָס צייטן פון ברוטאַלע פאַרפאָלגונגען מצד דער צאַרישער מאַכט, פון פּאָגראָמען און פון אָנפאַלן אויף יידן אין דער רוסישער פּרעסע. דאָס זיינען געווען צייטן פון ווילקיר און אומרעכט. די דאָזיקע מענטשן, וועלכע הירשענבערג וויזט, ווייסן נאָך נישט ווי אַזוי צו פירן דעם קאַמף קעגן שלעכטס. דער מאַרקסיזם, וואָס האָט אויפגעקלערט די אַלע פּראָבלעמען, איז זיי אומבאַקאַנט. דערפאַר צייכנט זיי הירשענבערג אַלס אומדרייסטע, צעשראָקענע, נישט זיכערע אין זייער כוח.

אין דעם זעלבן פּעריאָד מאָלט הירשענבערג אַן אַנדער בילד, וואָס שילדערט די זעלבע סביבה. די קאָמפּאָזיציע הייסט: „עונג שבת" און שטעלט פאָר אַ יידישע משפּחה. אין דער שבתדיק־אויפגערוימטער שטוב, ביים באַדעקטן טיש זיצט די באַלעבאָסטע, אויף דער צווייטער זייט טיש, אין שאָטן, זעט מען אַ מאַנספּערשוין, וואַרשיינלעך דער מאַן פון דער זיצנדיקער פרוי. אַ גרויער אַלטיטשקער, אַן איינגעהויקערטער זיידע טוליעט צו זיך אַן איינעקל, וואָס שטייט ביי זיינע קני. ביים פענצטער שטייט אַ מיידל, וואָס הערט זיך צו מיט אויפמערקזאַמקייט צו די ווערטער פון אַ יונגן בחור, וואָס לייענט אַ בראָשור. דאָס זיינען „בריוו פון אַרגענטינע", אין וועלכע די ערשטע יידישע קאָלאָניסטן באַשרייבן זייער גורל אויף דער פרעמדער ערד. אין בעט, וואָס שטייט ביי דער וואַנט, רוט אַ זקנה — אַ באָבעשי. אויף די פּנימער פון די עלטערע שפּיגלט זיך אָפּ לייכטער אומרו אַזוי ווי אַ מורא, אַז די יוגנט זאָל נישט נאָכטאָן דעם ביישפּיל און אויך פאַרלאָזן די היים.

וועגן דעם בילד שרייבט א. דאָבזשיצקי אין אַ קאָרעספּאָנדענץ פון בערלין אין דער צייטשריפט „וועדראָוויעץ" אין 1895 יאָר: „...דאָס זעלבע קאָן מען זאָגן וועגן הירשענבערגס בילד, וואָס שטעלט פאָר די שבת־פייערונג אין אַ פּויליש־יידישער משפּחה. דאָס בילד אַנטציקט דעם צושויער נישט בלויז ווי אַ כאַראַקטעריסטיק . פון

יידישן פאָלק, נאָר אויך מיט זיינע טעכנישע מעלות". די צייטשריפט „קראַי" אין פעטערבורג פון יאָר 1896 האָט געשריבן: „ווער עס האָט נישט ליב דאָס גלאַטיקע מאָלן, ווער עס וויל בעסער זען אַן

זאָל ער וואַרטן

ענערגישער וואַרפן די פאַרבן אויפן לייוונט און אַ געוויסער אָריגי־נעלקייט אין דער טעכניק, דער וואָלט אָנערקענט די פּרעמיע היר־שענבערגן...". דער „טיגאָדניק אילוסטראָוואַני" פון יאָרגאַנג 1896 אין דער רובריק „פון קראָקע" גיט איבער: „די אַנטשיידונג פון

לעצטן מאלערישן קאנקורס, פראקלאמירט דורך דער געזעלשאפט „פריינד פון דער שיינער קונסט אין קראקע“, אויף א בילד, וואס וואלט געטויגט אויף א קאלירטע רעפראדוקציע, — איז אויף דער יערלעכער פרעמיע אויסגעפאלן ווי איניקע ווילן גלענצנדיקע, לויט אנדערע — מאדנע. ס'האבן זיך געבילדעט צווי באזונדערע זשורים. איינע פון זיי איז געווען פון דער געזעלשאפט, די אנדערע א גרופע זאכקענער, וואס באשטייט פון באקאנטע קינסטלער. יעדע גרופע האט דיספאנירט מיט באזונדערע פרעמיעס. ווי איר ווייסט שוין אוודאי, האט די צווייטע אויסגעצייכנט סטאשאקס „יאסנא גורא“. די ערשטע גרופע אבער — דאס באקאנטע ווערק „די באגעגעניש“ פון אנטאני פיאטראווסקי און „עונג־שבת“ הירשענבערגס. די אויסגעצייכנטע ווערק פארמאגן מעלות, וואס אונטערליגן נישט קיין שום דיסקוסיע און דאס לעצטע פון די אויסגערעכנטע, האט מיט זיין פשוטקייט און פאעזיע פאראינטערעסירט ברייטערע קרייזן פון פובליקום“.

נאך דעם דאזיקן בילד מאלט הירשענבערג א קאמפאזיציע אויף אן אויפטרייסלענדיקער טעמע א. נ. „אהאסווער“. דאס בילד שטעלט פאר א שוידערלעכע וויזיע פון א קאטאקליזם. מ'זעט א וואלד פון הויכע קרייצן, וואס נעמען אונדז אדורך מיט גרויל. איבער די קרייצן הענגט א געלבלעך־גרויער הימל, וואס פארחושכט אלץ ארום. צופיסנס פון יעדן קרייץ ליגן צונויפגעדרייט נאקעטע מתים. ווי א געשפענסט שפאנט צווישן די צלמים א נאקעטער זקן, וואס שטרויכלט איבער די ליגנדיקע מתים. ער הייבט אויף די לינקע האנט־פלאך צו די דערשראקענע אויגן, מיט דער רעכטער, אזוי ווי א בלינדער, מאכט ער זיך א וועג. די דורכדרינגענדיקע וויזיע, הגם זי איז אנטשטאנען מיט 40 יאר צוריק, שטעלט פאר א בילד פון דער נישט ווייטער פארגאנגענהייט. פיר יאר האט דער קינסטלער געארבעט איבער דער קאמפאזיציע. נאכן פארענדיקן שטעלט ער זי אויס אין לאדזש. שפעטער ווערט דאס בילד אויסגעשטעלט אין ווארשע. ווען ער באמיט זיך אוועקצושיקן דאס ווערק אויף דער פאריזער אויסשטעלונג, טרעפט ער זיך אן אויף שוועריקייטן מצד די רעאקציאנערע קרייזן. און נאר א דאנק דעם באקומענעם מעדאל „א ר ד ע ק א נ ק ו ר“ האט די ווארשעווער זשורי זיך נישט געקאנט אנטקעגנשטעלן און דאס בילד איז לסוף אנגעקומען קיין פאריז.

צוליבן שפּעטן אָנקומען ווערט דאָס בילד אויפגעהאָנגען נישט אין קיין געהעריקן אָרט, ביי אַ נישט-פּאַסיקן ליכט און פאַרלירט דעריבער אַ סך פון זיינע מאָלערישע מעלות. הירשענבערג נעמט זיך שטאַרק איבער מיט דעם דורכפאַל און ווערט קראַנק. נישט געקוקט אויפן נישט-פּאַסיקן ליכט באַקומט דאָס בילד אַ בראָנזענעם מעדאַל.

אין 1898 קומט הירשענבערג קיין רוים. דאָרט וווינט זיין שוואָגער, דער סקולפּטאָר העניעך גליצענשטיין, וועלכער שטאַמט אויך פון פּוילן. איטאַליע ווירקט אויף הירשענבערגן צו שאַפן העלע, פרייידיקע בילדער. מערסטנטייל מאָלט ער לאַנדשאַפטן, וואָס פאַרווונדערן מיט זייער רייכער קאָלאָריסטיק. להיפּוך צו זיינע פריערדיקע מאָלערייען זיינען הירשענבערגס איטאַליענישע בילדער ליריש. ער מאָלט וועשערינס ביי אַ ברונעם אין קאַפּרי, שטילע דרימלענדיקע אָזיערעס, ווילעס איינגעהילטע אין בלומען, וועלדלעך אד"גל.

פון איטאַליע קומט הירשענבערג ווידער קיין מינכען. אונטערן איינפלוס פון די איטאַליענישע איבערלעבונגען שאַפט ער ווייטער האַרמאָנישע דעקאָראַטיווע קאָמפּאָזיציעס. די פאָרם און דער ריטעם פון די אַרבעטן, אין וועלכע ס'איז קענטיק אַ ווונדערלעכע האַרמאָניע פון דעם צוזאַמענלעבן פון מענטש און נאַטור — איז נאָענט אין דער אינטערפּרעטאַציע צו דער שאַפונג פון האַנס פאָן מאַרע. דער האָזיקער פּעריאָד פון אָפּרוען זיך פון דער פּראָבלעמאַטישער מאָלעריי דויערט ביי הירשענבערגן קורץ. באַלד נאָך דעם הייבט ער אָן אַרבעטן איבער זיין מאָנומענטאַל ווערק „די פּליטים".*)

אין אָנהייב 20-טן י. ה. האָט די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט איבערגעלעבט אַ מוראַדיקן עקאָנאָמישן קריזיס. אויך דאָס אָפּגעשטאַנענע צאַרישע רוסלאַנד ווערט אַרומגעכאַפּט דורך דעם קריזיס. נויט און אַרבעטלאָזיקייט נעמען אַרום אַלץ ברייטערע קרייזן, עס וואַקסט דער צאָרן און פּראָטעסט פון די אַרבעטנדיקע מאַסן, עס ברעכן אויס שטרייקן, עס קומען פאָר דעמאָנסטראַציעס. די צאַרישע מאַכט אונטערדריקט בלוטיק די אומרוען. זי נוצט אויס די שאָוויניסטישע עלעמענטן און רייצט אָן איין פאָלק קעגן צווייטן, און אַלע רעאַקציאָנערע עלעמענטן קעגן יידן. די צאַרישע מאַכט-האָבער באַפעלן אַרויסצוטרייבן די יידן פון איניקע גובערניעס. די היימ-

*) די יידישע רעאַקציאָנערע קרייזן האָבן טענדענציעז אָנגערופן דאָס בילד „גלות" און אונטער דעם פאַלשן טיטל איז עס זייער ברייט באַקאַנט.

א סטודיע פון א ייד

לאָזע צווינגט מען צו באַזעצן זיך אין די גובערניעס, וואָס זיינען שוין איבערבאַפעלקערט. נויט, אַרבעטלאָזיקייט און עפּידעמיעס מאַכן אַן אַ גרויסן חורבן צווישן די פליטים. זוכנדיק אַן אויסוועג הייבן זיי אָן וואַנדערן פון איין אָרט אויפן אַנדערן. וואַגלענדיקע יידישע מאַסן ווערן אַ טאָג־טעגלעכע דערשיינונג.

אונטער דער צאַרישער הערשאַפט איז אַזאַ אויך געווען דער גורל פון רוסישן פויער. די רוסישע ליטעראַטור באַשרייבט זייער אָפט די וואַנדערונגען פון רוסישן פויער, וואָס האָט זיך נישט געקאָנט דערנערן פון קליינעם, אָרעמען שטיקל ערד. ס'האָבן אויך געוואַנדערט, עמיגרירט די אַרבעטער פון עסטרייך, אונגאַרן, איטאַליע און אַנדערע לענדער — אַזש איבערן אָקעאַן. מ'האָט זיי באַהאַנדלט ווי אַרבעטס־בהמות. ווערבירט דורך אַגענטן, פלעגט מען זיי אויפלאָדן אויף פראַכט־וואַגאָנען, שפּעטער אויף שיפן, ווו זיי האָבן זיך געשטיקט פון ענגשאַפט.

הירשענבערג גיט אין זיין בילד „די פליטים" אַ פראַגמענט פון דער טראַגעדיע. ער ווייזט אַ בילד פון איינגעהויקערטע, אויסגעמאַגערטע געשטאַלטן פון פאַרשידענעם עלטער און געשלעכט. רבנים, וואָס טראָגן ספר־תורות, טאַטעס, וואָס טוליען צו זיך די פאַרפרוירענע קינדערלעך, ציטערנדיקע פון קעלט אין נעבעכדיקן אָנטאָן. אין דעם טרויעריקן צוג זעט מען אויך יוגנט און קינדער. איין מיידל טראָגט אין הענטל אַ טשייניק, דער איינציקער פּראַקטישער קעגנשטאַנד, וואָס מען זעט אויפן פּאָן פון דער טונקעלער מאַסע, וואָס איז באַרויבט פון וואָסער־נישט איז האָב און גוטס. פאַרויס פון צוג שפּאַנט אַ הויכער, איינגעבויגענער זקן. הינטער אים, אַביסל דערווייטערט, גייט אַ פרוי איינגעהילט אין אַ טוך, מיט אַן אויסדרוק פון גרענעצלאָזן ווייטיק אויפן פנים. הינטער זיי, אַביסל אָפּגערוקט, זעען מיר אַ מאַן, פאַרטיפט אין טרויער, וואָס גייט ווי נאָך אַ לוויה. יעדעס געשטאַלט פון דער גרופּע, וואָס גייט הינטער זיי, איז ציזעלירט מיט אַן אויסערגעוויינטלעכער עקספּרעסיע. איבער דער פאַרצווייפלטער מאַסע, אין דער קאָנצענטרירטער שטילקייט, טראָגט זיך אַן אימה. אין „די פליטים" גיט הירשענבערג, וואָס אַן אמת, אַ בילד פון דער ווירקלעכקייט. ס'פעלט אָבער דאָך דער אַמ־פּיינסטן־וויכטיקער עלעמענט: דאָס איז דער אויסדרוק פון בונט קעגן דער אומרעכט. דערפאַר טאַקע דערגרייכט נישט דאָס דאָזיקע ווערק די פולשטענדיקייט פון רעאַליזם. כאַראַקטעריסטיש איז, אַז אין דאָזיקן צוג שטעלט הירשענבערג אַריין אויך זיך אַליין.

נאָכן פֿאַרענדיקן „די פּליטים״ קערט זיך הירשענבערג צוריק קיין לאָדזש. דאָ שאַפֿט ער אַ סך בילדער פֿון לעבן פֿון אַרבעטער, באַלמעלאָכעס, מיט וועלכע ער טרעפֿט זיך דירעקט. ער מאָלט אַלטע לייט, קאַליקעס, בעטלער, היימלאָזע און פֿאַרוואָרלאָזטע.

א סטודיע פֿון א ייד

אין 1905 יאָר פֿאָרט הירשענבערג אַריבער קיין קראָקע און ברענגט באַלד צו זיך זיינע אַלטע עלטערן. אין קראָקע קערט ער זיך אום צו דער טעמאַטיק פֿון די מיטלעלטערלעכע צייטן, און ער מאָלט דאָס געשטאַלט פֿון פֿילאָזאָף שפּינאָזאַ. ער שטעלט אים פֿאָר, אַ פֿאַרטיפֿטן אין לייענען אַ בוך. דאָס געטאָ, אין וועלכן מיר זעען דעם לייענעדיקן שפּינאָזאַ, האָט נישט קיין אויסזען פֿון אַ האָלענדישער שטאָט. דער פּאָן און די געשטאַלטן פֿון דעם בילד זיינען גענומען

פון דער יידישער סביבה אין קליינשטעטל. בלויז שפינאָזאַ טיילט זיך אויס אויף דעם בילד מיט זיין האָלענדישער קליידונג. די יידן, וועלכע הירשענבערג שטעלט דאָ פאָר, דאָס זיינען טיפּישע פרומע פאַנאַטיקער, וואָס זיינען גרייט צו באַליידיקן דעם שפּאַצירנדיקן פילאָזאָף. די פאַרגעשטעלטע טיפּן יידן שטאַמען פון דעם שיכט פּראָסטאַקישע, אויפגעקומענע גבירים, וואָס חוזקן אָפּ מיט פאַרביסנקייט פון דעם פאַרגעשריטענעם שפּינאָזען. איינער פון די אָנפאַלער, בייגט זיך איין אויפצוהייבן אַ שטיין פון דעם ברוק. אין דער קאָמפּאָזיציע ווייזט הירשענבערג אויך אַ יונגן מענטש, אָנגעטאָן ווי אַן אָרטאָדאָקסישער האָלענדישער ייד, וואָס שטייט נישט זיכער פאַרן טויער פון זיין הויז און מיידט אויס אָנטיילצונעמען אין דער ברוטאַלער העצע. דאָס בילד האָט דער קינסטלער געשאַפן מיט אַ טענדענץ. ער שטייט אויף דער זייט פון די, וואָס קעמפן קעגן דער פינצטערניש און רעאַקציאָנערן קהל.

אין דער זעלבער צייט מאָלט הירשענבערג אַ בילד א. נ. „די שוואַרצע פאָן". דאָס ווערק שטעלט פאָר אַ גרויסן לוויה־צוג. די טונקעלע מענטשן־מאַסע גיסט זיך צוזאַמען מיטן גרויען האָריזאָנט פון הימל. דער טויטן־קאַסטן, געטראָגן דורך פיר מענער אין שוואַרצן טרויער־טראַכט, איז איינגעהילט אין שוואַרצן. אויף אים זעט מען אַ ווייסן פלעק — אַן אָפן בוך. די פּנימער פון דער מענטשן־מאַסע זיינען פול מיט טונקעלע קנייטשן, פון וועלכע עס קוקט אַרויס דער פּחד פאַרן אייגענעם זעלביקן גורל. יעדע פון די געשטאַלטן, איז אייגנאַרטיק, רעאַליסטיש באַהאַנדלט און גיט בולט איבער די דערשיטערנדיקע איבערלעבונגען פון יעדן פון זיי.

דאָס איז געווען איינע פון הירשענבערגס לעצטע אַרבעטן.

אין יאָר 1906 שטאַרבן אין קראָקע הירשענבערגס עלטערן. דער קינסטלער, דערשעפּט דורך די איבערמענטשלעכע אָנשטרענגונגען און דורך דער קראַנקייט, בעטקט נאָך אַן ענדערונג. אין אָנהייב 1907 יאָר ווערט הירשענבערג פאַרבעטן קיין ירושלים, איבערצונעמען די לייטונג פון דער קונסט־שול „בצלאל".

אין זיינעם אַ געשפּרעך מיט אַ פאָרשטייער פון דער צייטשריפט „שוויאַט" דערקלערט דאַן צווישן אַנדערן דער קינסטלער: „דערווייל פאָר איך קיין ירושלים אויף אַ צייט פון אַ יאָר־צוויי. שפּעטער וועל איך בלייבן, אָדער איך וועל צוריקקומען קיין פּוילן. דאָס קאָן איך נאָך נישט פאָרויסזען". ווי מיר זעען, האָט הירשענבערג אָנגענומען דעם אַמט נאָר צייטווייליק.

שפינאָזא

אין אָקטאָבער 1907 קומט אָן הירשענבערג צוזאַמען מיט זיין פרוי קיין פּאַלעסטינע און נעמט איבער די אָנפירונג פון דער „בצלאל"-שול. ווי זיין שטייגער איז, ארבעט ער איבער די כוחות, נישט פאַרגינענדיק זיך קיין אָפּרו. ער טיילט נישט אָפּ אין זיין לעבן די פּראָפעסיאָנעל-פּעדאַגאָגישע ארבעט פון זיינע פּריוואַטע ענינים. גיך ווערט ער דער באַליבטסטער פּראָפעסאָר און פריינד פון זיינע שילער. זיין שטוב איז שטענדיק פול מיט געסט, עס באַ-

די פישער

זוכן אים סיי סטודענטן, סיי אַרבעטער. ער איבערצייגט זיי זייער שנעל, אַז פון פאַרשאָלטענעם קאַפּיטאַליסטישן סדר קאָן מען נישט אַנטלויפן. אויך אין דעם שוין זינט הונדערטער יאָרן אָפּגעלאָזטן לאַנד בליט די ערד-שפּעקולאַציע און די עקספּלאָאַטאַציע פון די אַראַבער און תימנער יידן דורך די רייכע יידן און דייטשישע קאָלאָ-ניסטן. הירשענבערג מאָלט און צייכנט די דאָזיקע פּאַריאַסן — אין זייערע פּרימיטיווע וווינונגען און היילן, ביי דער אַרבעט, אין זייער נויט.

אַפּגעווען קוים 10 חדשים אין ירושלים פאַרשאַרפט זיך ביים קינסטלער זיין מאָגן-קראַנקייט, וועלכע ער האָט באַקומען אין די

די שווארצע פאָן

צייטן, ווען ער האָט געהונגערט אין קראָקע און אין מינכען. די פרוי און פריינד בעטן אים, אַז ער זאָל אָפּרוען און ערויספאָרן אין די בערג, ווייל דער קלימאַט דינט אים נישט. הירשענבערג איז נישט מסכים און ער אַרבעט ביז דער פולשטענדיקער אויסשעפּונג. ער באַקומט היץ און די קרענק שמידט אים צו צום בעט. נאָך עט־לעכע וואָכן ליגן אין בעט, שטאַרבט הירשענבערג דעם 15־טן סעפּ־טעמבער 1908 יאָר.

הירשענבערג איז געווען אַ דורכאויס פּוילישער מאָלער. ער איז געווען ענג צונויפגעבונדן מיטן פאָלק און איינער פון די אַק־טיוווסטע קעמפער פאַר די אידעען פון הומאַניזם. כאַראַקטעריסטיש איז די אַרויסזאָגונג וועגן הירשענבערגן פון געשעצטן פּוילישן קינסטלער־סקולפּטאָר סטאַניסלאַוו ראָמאַן לעוואַנדאָווסקי. פאַר־עפנטלעכט אין „טיגאָדניק אילוסטראָוואַני" אין צוזאַמענהאַנג מיט הירשענבערגס אויסשטעלונג אין קריוואָלטס סאַלאָן אין יאָר 1902. צווישן אַנדערן לייענען מיר דאָרט: „עמעץ האָט אים אָנגערופן „דער מאָלער פון יידן". ניין, קיין מאָלער פון יידן איז ער נישט, ווייל דאַן וואָלט ער איבערגעגעבן זייערע גוטע און שלעכטע אייגנ־שאַפטן, ער וואָלט געמאַכט פון זיי קאַריקאַטורן אָדער העלדן, אַזוי ווי עס טוען האָס די קינסטלער, וואָס מאָלן אייביק יהודית מיט הולופערנוסעס קאָפּ, אָדער די געסט פון דער צוקערניע אויף „הושי־קע־גאַס".

הירשענבערג איז ווירקלעך געווען אַ פּוילישער פּאַטריאָט. ער איז געווען איינער פון די ערשטע, וואָס האָבן פאַרגעשטעלט די אָממיינסטן באַוווּלהטע געזעלשאַפטלעכע שיכטן. ער האָט געהערט צו די ראָמאַנטישע רעאַליסטן אַזוי ווי גערימסקי, כעלמאָנסקי א.א.

דער גרעסטער טייל פון זיינע אַרבעטן זיינען קינסטלערישע דאָקומענטן פון דער איבערברוך־צייט אויף דער גרענעץ פון 19־טן און 20־טן י. ה. און פון דער צייט ווען עס הייבט זיך אָן וועבן דער באַוווּסטזיין ביי די אַרבעטער־מאַסן און עס אַנטשטייט זייער קאַמף פאַר פרייהייט.

אין דעם שקיץ האָבן מיר זיך באַמיט צו געבן אַ קורצע כאַ־ראַקטעריסטיק פון לעבן און שאַפן פון שמואל הירשענבערג. אַ לעבן פון נויט און דחקות, צרות און ליידן. אַ לעבן, וואָס האָט אים צו 38 יאָר גרוי געמאַכט, ווי דאָס שרייבט זיין פרוי אין אירע מע־

מוארן. אין זיין שאפן איז הירשענבערג געווען א פארגעשריטענער מאלער, וואס האט, נישט געקוקט אויף אייניקע סימבאליסטישע ווערק, געגעבן א בילד פון דער נויט און דחקות, פון שווערן פינצטערן לעבן פון זיין עפאכע. הירשענבערג איז מיט זיין גאנצער קינסטלערישער טעטיקייט געווען אויף דער זייט פון די אונטערדריקטע און טריי געדינט מיט זיין קונסט די אידעען פון פראגרעס, הומאניזם און פרייהייט.

SAMUEL HIRSZENBERG

Samuel Hirszenberg należy do nielicznych artystów na przełomie XIX i XX wieku, którzy uwypuklili w swej twórczości element społeczny. Tematyka prac Hirszenberga była głównie związana z warunkami bytu żydowskich mas robotniczych i rzemieślników, gnębionych przez kapitalizm i carskich czarnosecińców. To też forma malarska tego artysty była nawskroś realistyczna. Hirszenberg nie hołduje formalistycznej frazeologii i teoryjkom, które nurtowały ową epokę. Malarz ten odzwierciadla w swych głównych dziełach jak „Uchodźcy", „Ahaswer", „Cmentarz żydowski", „Czarny sztandar" i inne, całą grozę współczesnych warunków. Ale Hirszenberg nie przeoczył również ciemnoty i obskurantyzmu na ulicy żydowskiej. W obrazach „Uriel Acosta", a jeszcze silniej w innym swym dziele „Spinoza", artysta ukazuje prześladowanie myśli postępowej. W słynnej swej pracy „Jeszibot" maluje Hirszenberg zacofanie i bezpłodne studia zdolnej młodzieży żydowskiej, wegetującej w średniowiecznych, ghettowych warunkach. Sam artysta pochodził z ubogiej, łódzkiej rodziny tkaczy. By móc studiować sztukę, przechodzi męki głodowania, w wyniku czego nabawia się choroby żołądkowej, na którą umiera w czterdziestym trzecim roku życia. Znaczenie twórczości Hirszenberga polega na trwałej wartości dokumentarnej jego obrazów. Są one przepojone głęboką miłością i szczerością w stosunku do szarego człowieka, oraz uzewnętrzniają zło kapitalizmu, ograbiającego masy pracujące z możliwości ludzkiego bytowania. Szczególną zasługą Hirszenberga jest ukazanie prześladowania mniejszości narodowych przez carat, a zwłaszcza bezwzględnej polityki dyskryminacyjnej w stosunku do żydowskich mas ludowych.